# THE SHEPHERD OF ISRAEL

October, 1932. Rev. LEOPOLD COHN, Editor Vol. XV. No. 2

## HAS THE JEW A FUTURE?

### By Rev. Daniel Finestone.

Some time ago, the Toronto Globe, one of Canada's leading newspapers, discussed the above subject in an editorial. We wish that every Jew in America could have read it, for not many know that there are in Canada and the United States multitudes of Bible-loving Christians who breathe toward the Jewish people a spirit of love and sympathy. Many of these Christians daily "pray for the peace of Jerusalem", since they regard the Jews as God's chosen people who have a great destiny yet to fulfill in bringing blessing to the whole world.

The gist of the newspaper editorial regarding the future of the Jew is summed up in the sentence which reads:—"Men have seen the sin of Israel and the resulting calamity; men shall yet see the restoration and righteousness of Israel and the resulting blessing not only to this people but to all mankind."

What is "the sin of Israel and the resulting calamity" of which the writer speaks. The sin of Israel is the rejection of her Messiah, the Lord Jesus Christ; the resulting calamity refers to her sad condition ever since. Is it not very significant that the beginning of the long night of Jewish misfortune and suffering dates from the time, nearly 2000 years ago, when the leaders of the Jews cried against the Lord Jesus Christ, "Away with Him" and handed Him over to the Romans to be crucified? (John 19:15). This is the sin of Israel which has hung over the nation ever since like a dark cloud, threatening her peace and safety. Our Jewish leaders today try in vain to avoid this conclusion. But they cannot give any other adequate explanation for the banishment of God's people from their land these long centuries, nor the reason for their persecutions at the hands of the Gentiles, the most intense, prolonged and widespread any nation ever had to undergo.

If the ancient Israelites were exiled from the Holy Land for 70 years of the Babylonian Captivity as the punishment for the sin of idolatry, then the sin for which Israel has now been exiled for nearly 1900 years, must be greater even then idolatry. Idolatry is a terrible sin against God, but the rejection of His Holy Messiah was a much greater sin and merited severer punishment. Such heavy affliction would never have come upon our nation unless it were richly deserved. The Word of God clearly shows us that the sufferings of Israel are linked with the rejection and death of her Messiah. Thus the prophet Daniel tells us that:

> "The Messiah shall be cut off and shall have nothing: and the people of the prince that shall come shall destroy the city and the sanctuary; and the end thereof shall be with flood and even unto the end shall be war; desolations are determined." Dan. 9:26.

Our blessed Messiah the Lord Jesus Christ while He was on earth confirmed this predicted punishment of Israel, when as He wept over the city He said:

> "O Jerusalem, Jerusalem, thou that killest the prophets and stonest them which are sent unto thee, how often would I have gathered thy children together, even as a hen gathereth her chickens under her wings, and ye would not. Behold your house is left unto you desolate." Matthew 23:37-38.

He also foretold the destruction of the city of Jerusalem as the punishment of that great sin of rejecting Him, in the words:

> "For the days shall come upon thee, that thine enemies shall cast a trench about thee, and compass thee round, and keep thee in on every side, and shall lay thee even with the ground, and thy children within thee; and shall not leave in thee one stone upon another; because thou knewest not the time of thy visitation." Luke 19:43-44.

A few years later in fulfilment of this prophecy, the greatest calamity in all Jewish history befell the nation, for Titus with his Roman legions utterly destroyed Jerusalem, burned the sacred Temple, massacred the inhabitants and scattered our nation. From that day to this, Jewish history has been a heartrending record of banishments, massacres, inquisitions, pogroms and persecutions. One shudders at the greatness of the sin against God which brought down upon the Jewish nation, God's chosen people, so awful a divine judgement. All these woes which have come upon Israel are to be traced solely to this sin of rejecting her Messiah. This is the resulting calamity from the sin of Israel to which the newspaper writer refers. No other explanation fits the facts.

But what of the future? Let the reader make no mistake. No mere human efforts can turn the rising tide of Anti-Semitism which continues to assail our people in ever increasing strength. A brighter day will dawn for the Jewish people only, when having come to a full realization of the grossness of their sin in rejecting their Messiah, they make humble confession to God. Before blessing could come upon Joseph's brethren, they had to acknowledge the great wrong they had committed against their brother. So it will be with our Jewish people. Before any divine blessing can ever come upon them, they too must acknowledge the wrong they have committed against their Brother the Lord Jesus Christ. The prophet Isaiah foretells the tearful words of



**BETH SAR SHALOM**
**Throop Avenue and Walton St.**
**Brooklyn, N. Y.**

### COME TO OUR MEETINGS

**EVERY FRIDAY .......................8 P. M.**
**EVERY MONDAY .....................8 P. M.**

Israel's future confession, "All we like sheep have gone astray; we have turned everyone to his own way; and the Lord hath laid upon Him the iniquity of us all" (Isaiah 53:20). Then the Jewish people will understand that God has made the death of the Messiah to be the sacrifice for their sin. Like Joseph's brethren, they meant it for evil ... but God meant it unto good (Genesis 50:20). In that day, repentant Israel, blessed of God, restored to her land, governed by her Messiah-King, the Lord Jesus Christ, will bring the God-given blessing of righteousness, peace and prosperity to all mankind, so that men of every nation will turn to the Jews saying, "We will go with you, for we have heard that God is with you" (Zechariah 8:23). The prosperity of Joseph's brethren was bound up with Joseph, so the future prosperity of the Jews is bound up with their Messiah, the Lord Jesus Christ.

No Jew is secure who rejects God's Messiah and Savior the Lord Jesus Christ. This is the reason David, in speaking of the Messiah, that illustrious descendant of his, solemnly warned us saying, "Kiss the Son lest He be angry and ye perish from the way, when his wrath is kindled but a little. Blessed are all they that put their trust in Him." (Psalm 2:12) The one who puts his trust in the Lord Jesus Christ is repaid a thousand-fold both in this life and in the life to come.

בעסערען מאָרגען. די ראָזיגע הונגעריגע ...
וואנדערער לעבען אין שרעק און זאָגען, אז זיי ליידען
פאַר אַ צוקונפטיגער בעסערער וועלט. ווען די
בעסערע וועלט וועט קומען ווייסט קיינער ניט. נאָר
דערווייל ווערען מענשען געשוואַלען פאַר הונגער און
מען באַמערקט ניט אין זיי דעם מינדעסטען געפיהל
פאַר ווידערשטאַנד."

איצט קומט אַ אידישער רעדאקטאר און וויל
פאַרפיהרען די אידען אין אַמעריקא צו אַן אידעאַל
פון רואין און פאַרניכטונג. ער וויל איינפיהרען
היטלעריזם, און ווינשט אז ניט נאָר אין אַמעריקא

**Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the** American Board of Mission

המקדש, וועט זיך ארויסווייזען אז דער משיח האט געמוזט ערשיינען ארום 30 יאהר פאר דער נייער ערא. פונקט לויט דעמדאזיגען חשבון האט יוחנן המטבל פראקלאמירט ישוע אלס משיח, וואס מיינט, אז ישוע המשיח איז געקומען פונקט צו דער צייט וואס נאט האט אונז געזאגט דורך דניאל הנביא.

אויף דער פלאץ פון משיח'ס געבורט איז אונז קלאר אנגעוויזען געווארען דורך מיכה הנביא אין קאפיטעל ה', דארט לייענען מיר: "דו בית לחם אפרתה, דו ביסט די קליינסטע צווישען די טויזענטע פון יהודה, פון דיר זאל ארויס קומען דער וועלכער דארף זיין דער געוועלטיגער אין ישראל וועמענס אנפאנג איז געוועזן פון דורות לאנג, פון אייביג אן".

בית לחם, דוד'ס שטאדט, איז געוועזן דער געבורטס ארט פון ישוע המשיח און טויזענטער טוריסטען באזוכען יעהרליך דידאזיגע אלטע שטאדט אלץ צוליעב דער גרויסער געשעהעניש וואס האט אין איהר פאסירט.

אין אזוי זענען כמעט דריי הונדערט אנדערע משיח'ישע נביאות מקוים געווארען אין ישוע המשיח. זיי נעמען ארום אלע פרטים וועגען זיין לעבען, זיין טויט, זיין אויפערשטעהונג תחית המתים און זיין ארויף שטייגען צום הימעל.

לויט די אויבען דערמאנטע סמנים קאן מען לייכט אויף פראבע שטעלען און אויסגעפינען ווער עס איז א פאלשער משיח און ווער איז דער אמת'ער.

ווערטהער לעזער, דיין גאולה, דיין ישועה און דיין נחמה העננט לגמרי אב פון דיין גלויבען אין גאטס משיח וועלכער קאן היינט שוין ווערען אויך דיין משיח.

דניאל פיינשטיין.

---

# גרויסע אידען

דאס בילד און ביאגראפיע איז פון דעם גרויסען איד, רעוו. שמואל יפה, פון ווארשע, פוילן.

מר. יפה איז געבוירען און אויפגעצויגען געווארען אין דווינסק ביי זעהר פרומע עלטערן. צו פינף יאהר האבען איהם זיינע עלטערן איינגעוויקעלט אין א טלית און געטראגען אין חדר, און צו צעהן יאהר האבען איהם זיינע עלטערן געגעבען אין א וועלטליכע שוהל צו לערנען אויך אנדערע למודים. אין ביידע האט דער יונגער שמואל געוואלטיגע פארטשריט געמאכט. זיין פאטער איז דוקא שטארק צופריעדען געווען פון זיינע למודים, זיין מאמע אבער נישט. זי האט געהאלטען אין איין טענה'ן אז דער פאטער מאכט איהם פאר א גוי מיט זיינע דייטשע און רוסישע שטודיאומס.

זי האט נישט געקאנט איינרוהען און האט איבערגערעדט דעם טעלזער מגיד אז ער זאל ווידקען אויף'ן פאטער אבנעמען שמואליק'ן פון די "שקאלעס" און איהם שיקען אין דער ישיבה.

דער פלאן איז געלונגען און צו דרייצעהן יאהר זעהען מיר איהם מיט גרויס התמדה איבער דער גמרא. איינסטוייל איז זיין פאטער נפטר געווארען און אונזער שמואל איז איבערגעבליבען א יתום. וועם עס האט נור געגלוסט האט פאר איהם געהאט א פאטש, א קניפ, א דזשאך, א ציפ, אז פונקען זענען איהם געפלויגען פאר די אויגען, טאקע ווי עס פאסט זיך פאר א יתום. ער האט זיך אפט געפרעגט:



רבש"ע וואס ווילען זיי אט די באלשעוויקעס פון מיר? ער האט זיך געטרייסט מיט דעם אז ער איז א איד, און א איד איז אין גלות,—משיח וועט קומען וועט ער פון גלות מאכען אן עק און ער וועט אויך פון יתומים נישט פארגעסען. איינסטווייל מוז מען ווארטען און ליידען . . .

מערקווירדיג, וואס מעהר מ'האט איהם געקניפט און געציפט מעהר מתמיד איז ער געווען און מעהר האט ער געקאנט, און וואס מעהר ער האט געקאנט מעהר אייפערזיכטיג זענען יענע געווען און האבען איהם נאך מעהר געפאטשט און געקניפט, אזוי אז ער האט דעם גאנצען חשק פארלוירען אי צו די גמרא און אי צום גאנצען טרויריגען ישיבה־לעבען.

אט זעהען מיר איהם ארויס פון דער ישיבה צוריק צו וועלטליכע למודים. דארט האט ער זיך אנגעשלאגען אין א מאדנע לעהרע וואס האט שטארק צו טהון געהאט מיט ישוע הנוצרי. די ערשטע פראגע זיינע איז געווען: ווער איז געווען דער ישוע הנוצרי? צו דאס וואס אידען זאגען, צו דאס וואס קריסטען זאגען? אידען וואלטען איהם געוואדפען כאטש אין שאול תחתיה אריין און קריסטען הויבען איהם ביז איבער די וואלקענס, טא וואס איז ער אין אמת'ן? אזוי איז זיין דורשט נאך ישוע'ן געשטיגען מעהר און מעהר. עפעס ווי זיין הערץ וואלט איהם זאגען אז ביי ישוע גופא וועט ער געפינען אן אנטווארט צו אלע אנגעוועהטאגטע לעבענס פראבלעמען.

אין יענע טעג זענען אין דווינסק פארגעקומען סאציאליסטישע דעמאנסטראציעס מיט'ן רויטען פאהן, וואס האט זיך ווי געוועהנליך אויסגעלאזט אז אידען זענען געווען דאס "כפרה הינדעל". באלד דרויף האט זיך אבגערופען דער שרעקליכער "פאגראם" אין קעשינעוו און אין אנדערע מקומות און אוים מורא האט ער פלטה געמאכט נאך ווילנע.

דארט אין ווילנע האט ער צום ערשטען מאל דערזעהן אין א פענסטער פון דער "מילדמאי מיסיאן" א ברית חדשה וואס ער האט שוין לאנג ארומגעזוכט און האט עס נישט געוואוסט וואו צו באקומען.

דער מיסיאנאר האט איהם באלד דאס קליינע ספר'ל געגעבען און האט איהם אויך אסאך דערצעהלט וועגען דעם אינהאלט דאפון. און אזוי איז ער ווידער און ווידער דארט אריין געגאנגען ביז ער איז פאלקאם איבערצייגט געווארען אז ישוע איז דער אמת'ער משיח, דורך וועם אויך אידען קאנען פון טרויריגען גלות מיט אלע פאגראמען פטור ווערען.. דיעזעס באוואוסטזיין האט איהם אזוי גליקליך געמאכט, בכן עס וועט מעהר ניט זיין קיינע פאגראמען, קיינע רדיפות און קיין שפיכות דמים, אז ער האט פאר גרויס שמחה אנגעהויבען צו וויינען אויף'ן קול. אסאך מענשען זענען זיך צוזאם געקומען נישט וויסענדיג וואס מיט איהם איז פלוצים געשעהן, אויף זייער פראגע האט ער נור געהאט א י י ן אנטווארט, "איך בין דערלייזט, ישוע המשיח איז מיין גואל און מיין משיח".

אנפאנג האבען זיי געמיינט אז ער איז חלילה משוגע געווארען אדער אז ער רעדט גאר פון היץ; מ'האט איהם גענומען צו א דאקטאר, יענער האט איהם געקוקט שטארק אין די אויגען, אפשר איז ער טאקע משוגע געווארען; אונזער גרויסער איד האט איהם אבער געזאגט אז הלואי וואלט ער געקאנט א קוק געבען איהם אין הארצען, דארט וואלט ער באלד אויסגעפונען די סיבה פון זיין גליק און פון זיין שמחה.

צו דערזעלבער צייט וואס אונזער גרויסען איד איז אזוי ליכטיג געווארען אין די אויגען אין זיין הערץ און אין זיין נשמה, איז זיינע אלע קרובים פינסטער געווארען אין די אויגען, אזאלכע דבורים פון איהם צו הערען. זיי האבען מיט כל כוחות איהם געוואלט צוריק שלעפען אין בלאטע אריין, ישוע המשיח איז אבער געווען ידו על עליונה, ער זאגט, "ווער עס קומט צו מיר קאן קיינער איהם פון מיינע הענד נישט ארויס רייסען". (יוחנן 10, 28.)

אונזער גרויסער איד איז באלד אוועק נאך בערלין אין דער אוניווערזיטעט זיך אויסצובילדען פאר דער מלאכת הקודש צו פארקינדיגען די בשורה טובה אין ישוע המשיח אויך צו אנדערע אידען וואס ברויכען געהאלפען צו ווערען, און איז הערנאך געווארען מיסיאנאר אין דער זעלבער מילדמאי מיסיאן וואו ער האט צום ערשטען מאל באקומען דאס ספר'ל ברית חדשה וואס האט איהם געבראכט צו ישוע המשיח.

רעוו. שמואל יפה איז עד היום מיסיאנאר אין ווארשע וואו גאט ב"ה בענשט זיין ארבייט, ברענגענדיג אידען און גוים תחת כנפי השכינה. ווען ביידע עלעמענטען וועלען גלויבען אין משיח וועלען נישט זיין מעהר קיינע רודפים און קיינע נרדפים. קיינער וועט נישט פארפאלגען און קיינער וועט נישט מוזען אנטלויפען. איד און גוי וועלען זיין פארברידערט און פעראייניגט אין ישוע המשיח.

אונזער גרויסען איד'ס מוטער, די אלמנה, האט שפעטער ווידער געהייראט, מיט א זעהר רייכען איד, זי האט איהם מעביר נחלה געווען, קיין איין קאפיקע

[redacted]

דאס "עם הנבחר", און ווען מ'הערט פון א י י ן אידישען גענגסטער, האבען אידען שוין דאס טראגישע גליק, אז מ'ציהט שליסע פון דעם אידישען פרט אויף דעם אדישען כלל, אז אלע אידען זענען גענגסטער.

די מיסיאנערן זוכען אבער דאס צו פערבעסערן מיט זייערע רעדעס און מיט זייערע שריפטען. זיי ה'ימען אב אזאלכע מיינונגען און אזאלכע אורטיילען דורך דעם וואונדערבארען כח פון ישוע המשיח. נעמט אבער אוועק דעם נאמען פון ישוע המשיח און פארבאט די מיסיאנערן פון זייער ארבייט, וועט איהר האבען א גיהנום אויף דיעזער וועלט, א נייע כוואליע פון פארפאלגונג שלאגענדיג הויך און ברויזענד אויף אידען. עס וועט חלילה ניט בלייבען א שריד ופליט.

נעמט א ביישפיעל פון פינסטערן רוסלאנד. מיר ציטירען דא דאס פאלגענדע ארטיקעל פון מארגען זשורנאל, סעפטעמבער 4, 1932 אונטער'ן טיטעל: "מוטער באגראבט אייגען קינד אין כמעלניק־רוסלאנד".

מיט דער שיף "אלבערט באלין" זיינען נעכטען צוריקגעקומען פיעלע אמעריקאנער טוריסטען פון סאוויעט רוסלאנד, און וואס זיי דערצעהלען זיך אן פון דעם "סאציאליסטישען גן עדן" קען אפילו א שטיין ריהרען צו טרעהרען.

איינער אן אמעריקאנער איד, מר. וויליאם טאקער, האט אין איניגע מינוטען דערצעהלט, ווי אזוי די אידישע באפעלקערונג פון כמעלניק, בערדיטשעוו, כארקאוו און ארומיגע שטעדט ליידען הונגער און נויט און ניט נאר הונגערען זיי, נאר מען טאר זיי אפילו ניט העלפען. ער האט אליין געזעהן ווי א מוטער האט געטראגען איהר קינד אויפ'ן בית עולם אום עס אליין צו באגראבען.

די אידען אין די דערמאהנטע שטעדט ליידען אין אלע [illegible], די דאלאר־אינקוויזיציע, זאגט מר. טאקער, דערמאהנט אין גלות שפאניען. מען כאפט אידען און מען פייניגט זיי אומזיסט און אומגישט— אהן רחמנות.

מר. מאקער איז געפאהרען קיין רוסלאנד אין באגלייטונג פון זיין פרוי און קינדער, צו באזוכען זיין אלטע מאמע, און ווען זיי זיינען צוריקגעקומען האבען זיי אלע געוויינט פאר פרייד און אויסגעדריקט זייער טיפסטע באדויערונג פאר'ן רוסישען אידענטום וואס געהט אונטער און ווערט געפייניגט צום טוידט פאר די אויגען פון דער גאנצער וועלט.

די אמעריקאנער טוריסטען האבען אויך דערצעהלט, ווי זיי אליין האבען געזעהן ווי קינדערלעך בעטלען און געהען ארום אפגעריסען און אפגעשליסען, ווי מענער און פרויען וואנדערן פון שטאדט צו שטאדט ווי בעטלער אהן א האפענונג אויף א בעסערען מארגען. די דאזיגע הונגער־ליידענדע וואנדערער לעבען אין שרעק און זאגען, אז זיי ליידען פאר א צוקונפטיגער בעסערער וועלט. ווען די בעסערע וועלט וועט קומען ווייסט קיינער ניט. נאר דערוויל ווערען מענשען געשוואלען פאר הונגער און מען באמערקט ניט אין זיי דעם מינדעסטען געפיהל פאר ווידערשטאנד."

איצט קומט א אידישער רעדאקטאר און וויל פארפיהרען די אידען אין אמעריקא צו אן אידעאל פון רואין און פארניכטונג. ער וויל איינפיהרען היטלעריזם, און ווינשט אז ניט נאר אין אמעריקא זאנדערן אין דער גאנצער קריסטליכער וועלט זאל מען אננעהמען די פינסטערע היטלערישע פרינציפען אין אידעאלען. אזוי האט ט־אצקי און זיין קאמפאני פארפיהרט די רוסישע אידען. זיי האבען זיך געלאזט בלינדערהייט פיהרען צום איצטיגען רוסישען גיהנום. אידען! אידען! קומט צו אייער משיח ישוע! גלויבט זיינע הייליגע ווערטער און איהר וועט האבען א גן עדן אויך אויף דיזער וועלט.

---

# משיחים

## פאלשע און ריכטיגע

די צייטונגען האבען נישט לאנג צוריק געבראכט די ידועה אז דער יונגער אינדיאנער "קרישנאמורטי" וועלכער איז בעטראכט געווארען אלס משיח ביי זיינע טויזענטער נאכפאלגער, האט זיך אבגעזאגט פון זיין משיח'ישע ראלע און זיך ערקלערט צוריק פאר אן איינפאכען מענש. אט אזוי איז נאך איינער צוגעקומען צו דעם קאראהאד פון פאלשע משיחים.

דער שרייבער פון די שורות האט געהאט די געלעגענהייט צו דיסקוטירען מיט אן אינטעליגענטען איד די פראגע וועגען די משיח'ישע טעטיגקייט פון דעם יונגען אינדיאנער און בין געוועזן איבערראשט פון איהם צו הערען, זאגענדיג: ווער ווייס, אפשר איז ער טאקע דער משיח.

באמת, נור עם הארצות אדער גלייכגילטיגקייט קאן ברייננגען צו אזא אונפערצייליכען טעות, צו דענקען אז אן אינדיאנער קאן זיין דער משיח. דאך זעהען מיר אז נישט נור דער דורכשניטליכער איד זאנדערן אויך אסאך פון אונזערע פיהרענדע פערזענליכקייטען זענען אין דעם כלל פון גלייכגילטיגקייט צו די סמנים וואס זענען פאראן אין דער תורה וועגען משיח.

ווי קאן מען דען אנדערש דערקלעהרען דעם פאקט וואס אונזערע מנהיגים האבען מיט הונדערטע יאהרען צוריק געקאנט באגעהן דעם נאציאנאלען משוגעת, אנצוערקענען פאלשע משיחים און צו דערזעלבער צייט לגמרי צו פערווארפען דעם אמת'ן משיח אויף וועם אלע נביאות זענען ערפילט געווארען! אמשטאט צו זוכען אין גאטס ווארט און דארט ענטדעקען די סמנים וועגען אמת'ן משיח, האבען גאר אידען גענומען מיינונגען פון אונפאראנטווארטליכע מענשען פון גאס אנצייגענדיג אויף פאלשע משיחים וועלכעס איז דער היפוך פון אמת.

ווען א איד וויל באמת אויסגעפינען דעם ריינעם אמת ווער דער משיח איז, דארף ער זוכען און פארשען אין גאטס ווארט און נישט אכטען די לעהרען פון מענשען. ווען ישוע המשיח איז פאר 1900 יאהר צוריק געקומען נאך ירושלים האט ער אויך אזוי געזאגט: "דרשו בכתובים", פארשט אין גאטס ווארט ... זיי זאגען עדות אויף מיר". (יוחנן ה, 39).

וואס זענען אייגענטליך די עדות און סמנים פון וועלכע מען קאן דערקאנען א פאלשען משיח און אונז העלפען אויסגעפינען דעם אמת'ן משיח? עטליכע שטעלען וועלען אונז פיהרען אויפ'ן שליאך:

ערשטענס, מוז דער משיח דוקא זיין פון א אידישען אבשטאם. די משיח'ישע ברכה האט גאט געגעבען צו אברהם אבינו אין די פאלגענדע ווערטער: אין דיר זאלען די פעלקער פון דער ערד געבענשט ווערען. (בראשית י"ב).

צווייטענס, מוז דער משיח זיין א בן דוד, גאט האט דיזאזיגע הבטחה געגעבען צו דוד'ן ווען ער האט איהם געזאגט: ווען דיינע טעג וועלען דערפילט ווערען ... וועל איך דיין זאמען אויפשטעלען נאך דיר ... און איך וועל באפעסטיגען זיין מלוכה פאר אייביג. (שמואל ב, קאפיטעל ז; תהלים קל"ב.)

דריטענס, מוז דער משיח געבוירען זיין פון אן עלמה, חוץ לדרך הטבע. גאט האט פאראויס אונז אנגעזאגט די וואונדערבארע געבורט פון משיח דורך ישעיה הנביא, זאגענדיג: זעה די "עלמה" וועט שוואנגערן און געבוירען א זוהן און זיין נאמען זאל זיין עמנואל. (קאפיטעל ז).

נון איצט—ווען דער ערשטער סימן פון די אויבען דערמאנטע סמנים וואלט מען געוועזן צוגעפאסט צום אינדיאנער "קרישנאמורטי", וואלט מען באלד געזעהן אז ער איז א בעטריגער ווייל דער משיח בעדארף זיין פון אידישען שטאם.

ווען דעם צווייטען סמן וואלט מען פארזוכט צו צופאסען צו בר כוכבא אדער צו שבתי צבי וואלט מען אויך באלד דערגאנגען דעם שווינדעל ווייל זיי זענען נישט געקומען פון דוד המלך'ס משפחה.

דער דריטער סמן וואלט לגמרי אלע פאלשע משיחים באלד בעזייטיגט ווייל יענע זענען אלע געבוירען געווארען בדרך הטבע ווי אלע אנדערע מענשען. דאגעגען אבער פון דער אנדערער זייט, וואלטען יענע אויביגע סמנים באלד אונז געהאלפען דערקענען דעם אמת'ן משיח, ביחוד דער דריטער סמן מכח זיין געבורט.

ישוע המשיח האט בוכשטעבליך ערפילט אויך דיעזע נביאה אזוי ווי עס איז רעקארדעט אין ברית חדשה אז ער איז ארויסגעקומען פון אברהם אבינו, פון דוד המלך און פון די "עלמה" מרים.

אט דער סמן אליין איז גענוג אז יעדער רעכטדענקענדער מענש, איד אדער גוי, זאל זיך איבערצייגען אז ישוע המשיח איז דער איינציגער גואל צדק אין וועם אלע נביאות אויפ'ן משיח זענען בוכשטעבליך ערפילט געווארען.

ווייטערע פארשונגען באשטעטיגען דיעזען אמת'דיגען משיח, נעמליך די צייט ווען דער משיח האט בעדארפט קומען און דאס פלאץ וואו ער האט געדארפט געבוירען ווערען, ביידע, אי די צייט און אי דאס פלאץ פון זיין געבורט זענען פאראויס באשטימט געווארען פון גאט דורך די הייליגע נביאים. א פאלשער משיח קאן אבנארען אזאלכע מענשען וואס ווילען זיך לאזען אבנארען אבער נישט די וואס ווילען וויסען דעם אמת.

אין דניאל ט' זאגט אונז גאט ב"ה די צייט ווען דער משיח האט בעדארפט קומען. דארט לעזען מיר: "דו זאלסט וויסען און פארשטעהן אז פון דער צייט ווען עס איז געגעבען געווארען דער באפעהל ווידער אויפצובויען דאס בית המקדש ביז דעם געזאלבטען פרינץ, דעם משיח, זאל נעמען זיבען וואכען און צוויי און זעכציג וואכען ..." און דאס וויים יעדער בן תורה אז דאס מיינט מען "שמיטה וואכען", א וואך איז זיבען יאהר, און די 69 וואכען מיינען 483 יאהר. און ווען מיר זאלען רעכענען פון דער צייט וואס "ארטאקסערקעס" האט ארויס געלאזט א באפעהל צוריק אויפצובויען ירושלים, וואס עס איז אויסגעפאלען ארום 444-454 פאר'ן חורבן בית

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הוא הרעה הטוב יוחנן 10·11

# רֹעֵה יִשְׂרָאֵל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל לד 23

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח.

Vol. XV. No. 2 — רעוו. לעאפאלד קאהן, עדיטאר — October, 1932.


## אידישער רעדאקטאר פארטיידיגט אנטיסעמיטען

עס איז צום שטוינען ווי א אידישער רעדאקטאר (דא אין אמעריקא) וואגט זיך עפענטליך ארויס צו טרעטען אלס א פערטיידיגער פון מאדערנעם המן, היטלער, וועלכער האט קיין אנדערן אידעאל ווי נור אויסצוראטען אידען, ר"ל.

דער רעדאקטאר באזירט זיינע שלאנגישע רייד אויף אן אויסצוג פון א רעדע וואס עפעס א פארדארבענער שלעכטער היטלעריסטישער גלח האט אבגעפרעפעלט געגען אידען, זאגענדיג, אז אין היטלערס פאגראם געגען אידען זענען נישט אויסגעשלאסען די אידישע מיסיאנערן. ווייל—זאגען זיי ווייטער—מיר זעהען אין די מיסיאנערן א גרויסע געפאהר פאר אונזער פאלק, דורך די מיסיאנערן לאזען מיר ארייגפליעסען פרעמד בלוט אין אונזער נאציאנאלען קערפער און א פאראומרייניגונג פון אונזער ראסע". זיי באריהמען זיך ווייטער—אז אלע אידישע קעפ אין "האך דייטשלאנד" וועלען זיך באלד וואלגערן אין זאמד און אין שטויב אהנע אונטערשיעד צווישען אידישע מיסיאנערן אדער סתם אידען".

אט אויף דיעזע מיאוסע ווערטער שטעלט זיך דאס אפ דער אידישער רעדאקטאר און פיהרט הבר־לאפ מיט יענעם פאגראמשטשיק היטלער, און דער אידישער רעדאקטאר קאמענטירט דארויף ווי פאלגענד:

"אידען וועלען זיכער זיין איינשטימיג מיט די נאצים אין דיעזער הינזיכט, עס איז בלי ספק ניטא וואס זיך צו שעהמען מיט דער איינשטימונג. קריסטען האלטען־אויף מיט מיליאנען פאנדען אידישע מיסיאנערן מיט'ן איינציגען צוועק צו חאפען אידישע נשמות; אמת, עס קומט זיי אן מיט גרימיניש איידער זיי קריגען אריין א אידישע נשמה אבער אלע וויסען אז די מיה פון אידישע מיסיאנערן איז נישט אומזיסט, זינט עס איז אוועק דער רעליגיעזער ציטער ביי אסאך אידען איז זיי לייכטער געווארען אנצופיהרען זייער טעטיגקייט, הלואי—זאגט ווייטער דער רעדאקטאר—וואלט די גאנצע וועלט, די קריסטליכע נאטירליך, אנגענומען דיזעלבע שטעלונג".

דאס איז די אויסערונג און דער טשיקאווער באגעהר פון א איד. נעביך!

לאמיר אבער, ווערטהע לעזער אייך אויסזאגען א הויכען סוד, פארוואס היטלער איז מיט זיין באנדע געגען די אידישע מיסיאנערן, ער וויל נעמליך פארטיליגען און אויסראטען אלע אידען, און א אידישער מיסיאנער איז דאך אויך א איד! קאן נישט דער אידישער רעדאקטאר בעגרייפען אז אלעביידע, מיסיאנערן און סתם אידען, זענען ביי היטלער איינס און דאס זעלבע? אויב מ'וועט פארבאטען אידישע מיסיאנערן צו עקזיסטירען וועט מען במילא ארויסטרייבען אלע אידען. "הא בהא תליא", גאספאדין רעדאקטאר.

ווער קאן אבער גאר פארשטעהן אזא צרה'דיגע פסיכאלאגיע פון יענעם רעדאקטאר געגענאיבער דעם אידישען גייסט, א פסיכאלאגיע וואס מאכט אזא מאסיווע וואנד צווישען איהם און דאס יהדות ווי אויך צווישען מענשליכע זיטליכקייט! אפילו צווישען כלבים איז פאראן א מין געזעץ אז ווען צוויי הינד האבען צווישען זיך א מחלוקה, א מלחמה, מאכען זיי באלד שלום צווישען זיך אזויבאלד א וואלף קומט און וויל איינעם פון זיי אויפפרעסען. זיי ווארפען זיך ביידע מיט א פעראייניגטע שטימונג אויף דעם וואלף און אזוי ארום זענען זיי זיך מציל פון דער ווילדער חיה. אבער דער רעדאקטאר מיט זיין וואונש אז די קריסטליכע וועלט זאל אננעמען היטלערס אידעאל, רייסט זיך ארוים פון אלע גוטע פרינציפען אפילו אויך פון דעם פראקטיק פון איינפאכע כלבים.

געוואלד, ווי קאן א איד אזוי נידריג זינקען און פארקריכען אין אזא פאסקודנע געמויזעכץ! רעדען לשון הרע מיט כל'ערליי פאלשקייטען געגען אידישע מיסיאנערן! איהר מוזט צוערשט וויסען און פארשטעהן דעם מיסיאנאר. א מיסיאנאר טהוט טובות אידען. ער פערטיידיגט אידען. ער געהט ביז איבערן האלז פאר א אידען. אין די יאהרען 1890-93 ווען אידען אין רוסלאנד זענען שרעקליך פארפאלגט געווארען האבען די מיסיאנערן אויפגעוועקט די קריסטען אין ענגלאנד צו א גרויסע באוועגונג פון פראטעסט און האבען אזוי לאנג געארבייט ביז די צרה'דיגע לאגע פון אידען אין רוסלאנד האט זיך בעדייטענד געענדערט.

אמאל אין די אלטע צייטען איז ישראל אסאך מעהר געווען פעראכטעט ווי אין דער איצטיגער צייט. דער נאמען איד איז געווען דאס ערגסטע אין דער גאנצער וועלט. מ'האט דעם איד גערעכענט פאר א פארשאלטענע בריאה און איהם לחלוטין נישט געהאלטען פאר א מענשליכעם וועזען. אבער זייט גאט ב"ה האט אנגעהויבען צו שיקען מיסיאנערן וועלכע זענען געגאנגען אין קירכען און האבען געגאסען מיט א וואלקאניש פייער פון די פולפיטס אויף די פערזאמעלטע געמיינדעס, זיי האבען גערעדט אפענע דבורים וועגען אידען, בעווייזענדיג פון תנ"ך און פון ברית חדשה ווער דער איד איז, נעהמליך א לייבליכער ברודער פון ישוע המשיח, און ער ישוע זעלבער איז געבוירען געווארען פון א אידישע מאמען. די מיסיאנערן האבען זיי באוויזען אז אלע ערשטע נאכפאלגער פון ישוע המשיח זענען געווען נאר אידען, און זיי, די אידישע תלמידים פון ישוע המשיח האבען איינגעשטעלט זייער לעבען געהענדיג צווישען די ווילדע היידען צו פארקינדיגען דעם נאמען פון אלהי ישראל. זיי האבען איבערגעקעהרט די וועלט. פון פינסטערע [illegible] פאר בני אלהים. אט [illegible] קראגען אז אנדערען גערא[illegible] מענט איז אין זיי געשאפען געווארען וועגען אידען. מ'האט דעם איד אנגעהויבען צו רעספעקטירען און נישט מעהר איהם ארויסצוטרייבען פון לאנד אזוי ווי זיי האבען געטאהן אין די פערגאנגענהייט.

מיט דער שטעלונג פון ענגלאנד האבען זיך אנדערע לענדער אנגעשטעקט און אידען האבען געפיהלט אן עונג נשמה און א מנוחת הגוף. און ביז צום היינטיגען טאג טהון די מיסיאנערן זייער ארבייט, באלעהרענדיג מיט זייערע רעדעס די קריסטען וועגען די אידען און פארזוכען צו באלעהרען דאס אידישע פאלק און זייערע קינדער וועגען גאט און זיין הייליגען משיח.

וויפיעל אידישע באנדיטען, גייגנסטער, רוצחים און מערדערס וואס ווארפען א שווארצען שאטען אויפ'ן אידישען פנים און א שרעקליכען פלעק אויף די גאנצע אידישע משפחה, זענען בעסער געווארען צוהערענדיג די דרשות פון מיסיאנערן און לייענדיג זייערע שריפטען! אט דאס טהון־אויף מיסיאנערן.

איהר וועט אודאי זאגען, הלמאי, האבען דען די גוים נישט געליפערט א גרעסערן פראצענט רוצחים ווי די אידען? יא, מיר קאנען דאס נישט לייקענען, אבער אידען ווערען דאך בעטראכט אלס גאטס פאלק,


Entered as second class matter April 14, 1922, at the Post Office at Brooklyn, N. Y., Under the Act of March 1, 1927
Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the American Board of Missions to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.